**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 6/3/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**גאווערנער האוקול אנאנסירט באשטעטיגונג פון טראנספארטאציע און עקאנאמישע אנטוויקלונג-פארבינדענע אדמיניסטראציע נאמינירטע**

גאווערנער האוקול האט היינט אנאנסירט די באשטעטיגונג פון נייע טראנספארטאציע און עקאנאמישע אנטוויקלונג-פארבינדענע אדמיניסטראציע נאמינירטע.

״אין דער צייט וואס מיין אדמיניסטראציע זעצט פאר ווייטער צו טראגן ניו יארק אויף פאראויס צו א נייע עפאכע, עס איז הערכסט-נייטיג אז מיר זענען ארומגענומען דורך די בעסטע פון די בעסטע צו דערגרייכן אונזערע טראנספארטאציע און עקאנאמישע אנטוויקלונג צילן,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״די היינטיגע נאמינאציעס טוען ערפילן פארשידענע ערליי באדערפענישן אין יעדע איינציגע אגענטור, און עס איז נישט דא קיין שום ספק אז די נאמינירטע זענען די בעסטע אויסוואלן פאר די ראלע. איך קוק ארויס צו די גוטס וואס וועט קומען פון דער גרופע.״

**רענעי דעלגאדא** איז שוין באשטעטיגט געווארן צו סערווירן אויף די **ארבעטער פארגוטיגונג באָורד.** מס. דעלגאדא איז א קאונסעל ביים ניו יארק סטעיט פובליק באשעפטיגטע פעדערעישען, AFL-CIO. אין דער ראלע טוט מס. דעלגאדא נאכקוקן און אינפארסירן געמיינזאמע פארהאנדלונג אפמאכן פארבינדן מיט׳ן פובליק ארבעטער פעדערעישען. מס. דעלגאדא׳ס ארבעט ביי דעם AFL-CIO טוט אויך אנטהאלטן דאס שטיין אין פארבינדונג מיט יוניאָן מיטגלידער צו פארזיכערן אז זיי פארשטייען זייערע רעכטן און פארהאנדלונגס כוחות. מס. דעלגאדא, אין צוגאב צו איר ארבעט ביי AFL-CIO, האט געארבעט פאר דעם ניו יארק סטעיט לעיבאר דעפארטמענט, און דער אלבאני קאונטי דיסטריקט אטוירני׳ס אפיס. מס. דעלגאדא וואוינט אין אלבאני.

**אליסיע גלען** איז באשטעטיגט געווארן צו דער **געיטוועי דעוועלאפמענט קארפארעישען באָורד פון קאמיסיאנערן.** מס. גלען איז דער גרונדער און CEO פון ׳עם-סקווערד׳. ׳עם-סקווערד׳ איז א פרויען-באזיצטע ריעל עסטעיט דעוועלאָפמענט און אימפאקט אינוועסטירונג פלאטפארמע וואס פאראייניגט זיך מיט׳ן פובליק סעקטאר, דעוועלאפערס און אינוועסטירער צו בויען געמישטע-באניץ פראיעקטן וואס רעכענען אריין האָוזינג צוגענגליך צו א ברייטע ריי הויזגעזינדער. פריער איז מס. גלען געווען א געהילפס מעיאר פאר עקאנאמישע אנטוויקלונג אונטער מעיאָר ביל דע-בלאַזיאָ. מס. גלען האט געארבעט איבער א צענדליג-יאר מיט גאלדמאן-סאקס אין דער ׳אורבען׳ אינוועסטירונג גרופע. מס. גלען איז א גראדואירטע פון אמהערסט קאלעדזש.

**ליסע גאמעז** איז באשטעטיגט געווארן צו דער **דארמיטארי אויטאריטעט פון דעם סטעיט ניו יארק באָורד אָוו דירעקטאָרס.** מס. גאמעז איז פרעזידענטקע און CEO פון L&M דעוועלאָפמענט, אריינגעטרעטן אין דעם פאסטן אין 2021, נאכ׳ן האבן געדינט אלס COO אויף איבער אכט יאר. L&M דעוועלאָפמענט פאקסירט אויף ליפערן צוגענגליכע האָוזינג דורך ארבעטן מיט ארטיגע אגענטורן ווי צ.ב.ש. HPD און NYCHA צו ליפערן נייטיגע האָוזינג. בעפאר׳ן זיך אנשליסן מיט L&M האט מס. גאמעז

געדינט אין די בלומבערג און קאטש אדמיניסטראציע מיט שטרעקעס אין דעם פריוואטן סעקטאר ביי ׳דזשעי-פי מארגען׳ און סילווערסטין פּראָפּערטיס. מס. גאמעז האט א BA פון LSU.

**מייקל היועס** איז באשטעטיגט געווארן אלס **פארזיצער** פון דער **ניאגארא פראנטיער טראנספארטאציע אויטאריטעט.** מר. היועס קומט צו דעם פאסטן מיט איבער 14 יאר ערפארונג אויף דער ניאגארא פראנטיער טראנספארטאציע אויטאריטעט באָורד. אין צוגאב צו זיין אנטשלאסנקייט צו דער ניאגארא פראנטיער טראנספארטאציע אויטאריטעט, ארבעט מר. היועס איצט פאר קאליידע העלט אלס א הויכראנקיגע וויצע פרעזידענט און הויפט אדמיניסטראטיווע באאמטער. קאליידע איז דער גרעסטער העלטקעיר באזארגער אין מערב ניו יארק, און עס איז אויך דער גרעסטער ארבעטסגעבער אין מערב ניו יארק מיט איבער 13,000 ארבעטער. מר. היועס האט אנגעהויבן זיין קאריערע דורך ארבעטן אין דעם ערי קאונטי לעגיסלאטור אלס א וואלונטיר באהעלפער, און עווענטועל געשטיגן צו ווערן דירעקטאר פון קאמוניקאציעס פאר דער ערי קאונטי עקזעקיוטיוו׳ס אפיס. מר. היועס דינט איצט זיין ארטיגער קאמיוניטי אלס א באָורד מיטגליד פאר׳ן טאון וועסט סענעקע זאָוּנינג באָורד אָוו אפיעלס, און אלס א באראטונג מיטגליד פון דער טאון אמהערסט טשעימבער אוו קאמערס פּאָליסי קאונסיל.

**קעווין לאו** איז באשטימט געווארן אלס דירעקטאר פון דער **אורבּען דעוועלאפמענט קארפארעישען** און וועט ווערן באשטימט אלס פארזיצער פון דעם UDC. ער איז א שותף און עקזעקיוטיוו וויצע פרעזידענט ביי ׳טרייטעק ריעל עסטעיט דעוועלאפמענט קאמפאני׳, וואו ער איז א טייל פון דער פירערשאפט טיעם און איז פארזיצערפון די פירמעס ׳עפארדעבּל האוזינג טיעם׳. מר. לאו איז געווען דער מיט-פארזיצער פונ׳ם לאנג איילענד ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסיל פאר די פארלאפענע צען יאר. פריער איז לאו געווען פרעזידענט און CEO פון דער לאנג איילענד אסאסיעשען (LIA) וואו ער איז געווען הויפט סטראטעגיסט און אדוואקאט אויף אלע ענינים וואס באטרעפן לאנג איילענד און איר ביזנעס קאמיוניטי. בעפאר זיין טעניור ביי דער LIA איז לאו געווען פרעזידענט און CEO פון דער לאנג איילענד פּאַווער אויטאָריטעט (LIPA), די צווייט-גרעסטע פובליק יוטיליטי אינ׳ם לאנד. לאו האט פריער סערווירט אלס טשיעף דעפיוטי קאונטי עקזעקיוטיוו פאר סופאלק קאונטי און איז געווען דער פארוואלטונג שותף פון דער לאנג איילענד אפיס פאר ניקסאָן פּיבּאָדי על-על-פּי, אן אינטערנאציאנאלע געזעץ פירמע. לאו סערווירט אלס פארזיצער פון דער סטאני ברוק אוניווערסיטעט קאונסיל און סערווירט אויף דער בּאָורד פון דער מעטראפאליטען טראנספארטאציע אויטאריטעט (MTA). ער איז אויך פארזיצער פון דער ׳לאנג איילענד האוזינג פארטנערשיפ׳ און פארזיצער פון ׳עקסעלערעיט לאנג איילענד׳. לאו האלט אן AA דעגרי פון סופאלק קאונטי קאמיוניטי קאלעדזש, א BA דעגרי פון SUNY סטאני ברוק אוניווערסיטעט, אן MS דעגרי פון דער גראדואירער סקול פון אינער-שטאטישע אנגעלעגנהייטן און פלאנירונג ביי CUNY, האָנטער קאלעדזש און א JD דעגרי פון סט. דזשאָן׳ס אוניווערסיטעט געזעץ שולע.

**דזשאו מארטענס** איז באשטעטיגט געווארן פאר די **אָלימפּיק ראיאנישע אנטוויקלונג אויטאריטעט.** מר. מארטענס איז דער דירעקטאר פון דעם ניו יארק ים-ווינט ענערגיע פארבאנד, א קאאליציע פון ביזנעס, לעיבּאָר און ענווייראנמענטאלע ארגאניזאציעס אנטשלאסן צו הייבן די דעוועלאָפּמענט פון ים-ווינט ענערגיע אויף ניו יארק׳ס בארטן.  פריער איז ער געווען א סיניאָר פעלאו ביי דעם אָוּפּען ספּעיס אינסטיטוט, א ראיאנישע לאנד קאנסערוואציע ארגאניזאציע וועלכס האט באשיצט טויזנטער עיקערס שטח פון מעין ביז דזשארדזשע.  ער האט געדינט אלס קאמיסיאנער פון דעם דעפארטמענט פון ענווייראנמענטאלע אפהיטונג פון מערץ 2011 ביז יולי 2015. מר. מארטענס האט געפירט דעם אגענטור אין איינפירן איר הויפט שטאטוט מיסיע צו באשיצן פובליק געזונטהייט און דער ענווייראָנמענט. מר. מארטענס האט געדינט מעריא קאומאו אלס געהילף סעקרעטאר פון ענערגיע און דער ענווייראָנמענט פון 1992-94 און אלס געהילף סעקרעטאר פון 1990-92. ער איז געווען פארזיצער פון דעם באָורד אָוו אָלימפּיק ראיאנישע אנטוויקלונג אויטאריטעט, פארזיצער פון דעם ענווייראנמענטאלע איינריכטונגען קארפאראציע און געזעצן אויפ׳ן באָורד פון דער ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט.

**בריען א׳דווייער** איז באשטעטיגט געווארן צו דינען אויפ׳ן **געימינג קאמיסיע**. ער איז א שותף אין א׳דווייער בערנסטין, וועלכע איז געגרונדעט געווארן דורך זיין פאטער, פאול א׳דווייער. אלס א שותף, טוט מר. א׳דווייער פאקוסירן אויף פערזענליכע שעדיגונג, קאנסטרוקציע עקסידענטס, אימיגראציע רעכטן, און ארבעטסקראפט באציאונגען. אין יוני 2011, האט סעקרעטאר פון סטעיט הילערי קלינטאן אים באשטימט אלס קאמיסיאנער פון די פאראייניגטע שטאטן׳ס נאציאנאלע קאמיסיע פאר ׳אונעסקא׳. מר. א׳דווייער האט א BA פון דזשארדזש וואשינגטאן, א MA פון מידלבורי, און א JD פון דזשארדזשטאון.

**מעריסע שארענסטין** איז באשטעטיגט געווארן צו דינען אויפ׳ן **געימינג קאמיסיע**. מס. שארענסטין האט לעצטנס געדינט אלס דירעקטאר פון עקזעקיוטיוו טראנזיציע פאר גאווערנער האוקול און איז איצט א הויפט שותף ביי SKDK. אין דער ראלע, טוט מס. שארענסטין ראטן קליענטן אויף סטראטעגישע קאמוניקאציעס און פובליק אנגעלעגנהייטן ענינים. מס. שארענסטין האט פריערדיגע ערפארונג מיט AT&T אלס פרעזידענט פון דעם צפון-מזרח ראיאן, אויפזעענדיג די קאמפאניי׳ס אויסערליכע אנגעלעגנהייטן. מס. שארענסטין האט פריער געדינט אין דעם עקזעקיוטיוו טשעימבער פון גאווערנער דעיוויד פעטערסאן אלס פרעסע סעקרעטארשע און געהילף קאמוניקאציעס דירעקטארין.

**ראב סימפסאן** איז באשטעטיגט געווארן צו דינען אויפ׳ן **׳עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט׳ באָורד אָוו דירעקטאָרס**. מר. סימפסאן שטאמט פון אָפסטעיט און וואוינט און ארבעט אין סירעקיוס. מר. סימפסאן איז CEO פון ׳סענטער-סטעיט׳ אין סירעקיוס, ניו יארק. ׳סענטער-סטעיט׳ איז א זעלבסטשטענדיגע, עקאנאמישע ביזנעס אנטוויקלונג סטראטעגיע, און טשעימבער אוו קאמערס. אלס CEO, העלפט מר. סימפסאן מיט אנבאטן זיין קענטעניס צו ארטיגע קאמפאניס און ארגאניזאציעס וועלכע זוכן צו פארברייטערן זייערע ביזנעסער. מר. סימפסאן דינט אויך אלס עקזעקיוטיוו דירעקטאר פון דעם צענטראל אָפסטעיט ראיאנישע פארבאנד און פרעזידענט פון סירעקיוס ביזנעס אינקובאטאר, דער ׳טעק-גאַרדען׳. סימפסאן האט א BA פון ׳קאלגעיט׳ און מאגיסטער דיפלאם פון סירעקיוס ׳מאקסוועל׳ שולע.

**ליסע סארין** איז באשטעטיגט געווארן פאר דער **מעטראפאליטען טראנספארטאציע אויטאריטעט באָורד אָוו דירעקטאָרס**. מס. סארין איז פרעזידענטקע פון דעם בראנקס טשעימבער אָוו קאָמערס. מס. סארין איז דער ערשטער פרוי פרעזידענטקע פון דעם בראנקס טשעימבער אָוו קאָמערס. בעפאר׳ן ווערן פרעזידענטקע איז מס. סארין געווען אן אקטיווער באָורד מיטגליד פאר׳ן טשעימבער. בעפאר׳ן זיך אנשליסן אין דעם בראנקס טשעימבער אוו קאמערס, איז מס. סארין געווען די עקזעקיוטיוו דירעקטארין פון דעם וועסטשעסטער סקווער ביזנעס פארבעסערונג דיסטריקט אויף איבער 6 יאר. אין דער ראלע, האט מס. סארין געארבעט אויף צו ברענגען א געמיש פון ריטעיל געשעפטן, האָוזינג און פארבעסערטע מאסן טראנזיט באהעפטונגען צו דעם טייל פון די בראנקס.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך אויסשרייבן